## יהושע פערלע

# 4580

א קיילעכדיקע ציפער. אויפן ערשטן אויגנבליק זעט זי אויס נאריש און האָט, דאכט זיך, גאָרנישט וואָס צו זאָגן. אזא ציפער, וואָס שטייט אזוי אליין, קאָן מען פארגלייכן מיט יענע גרויע מענטשן, וואָס גייען אדורך דורכן לעבן אומגעזעענע און שטארבן אָן ווידוי.

נישט מער, אויב א בעל־חשבון, אָדער א שטערנזעער וועלן גוט ארייַנ־קלערן אין דער דאָזיקער ציפער, וועלן זיי אפשר אויסדרייען מיטן גראָבן פינגער א השערה, אָדער אויסשטעלן א גמטריא, פון וועלכע נאַראָנים וועלן שפעטער דרינגען: אָדער דער סוף פון דער וועלט, אָדער די חבלי־ימי־המשיח.

ניכטערע קעפ, אויב זיי וועלן נאָר באטראכטן די ציפער, וועלן מן־הסתם מיינען, אז דאָס איז א נומער פון א פאָליציאנט, פון א באנטרעגער, פון א קא־טאָרזשניק, פון א הונט, להבדיל, און דער גוטער יאָר ווייסט פון וואָס נאָך.

אָבער אז די דאָזיקע נארישע ציפער זאָל פארטרעטן א נאָמען פון א לעבע־דיקן מענטש, וואָס איז קיינמאָל נישט געווען קיין פאָליציאנט, נישט קיין באנ־טרעגער, נישט קיין קאטאָרזשניק און אפילו נישט קיין הונט, אין דעם וועט שווער זיין צו גלויבן.

מען וועט זיך אויך נישט צוגלויבן, אז פון אונטער דער דאָזיקער ציפער וויינט ארויס דער ווייי, שרייט ארויס דער פיין און די בראָך פון דעם פאָלק, פון וועלכן איך האָב געהאט דאָס מזל אָפצושטאמען.

און דאָך איז דאָס אוממעגלעכע מעגלעך געוואָרן. פאסירט האָט עס אין יאָר ניינצנהונדערט צוויי און פערציק, אין חודש תשרי, אין דער מדינה פוילן, אין דער שטאָט ווארשע. אונטער דער רוצחישער ממשלה פון עמלק ימח שמו וזכרו, מיטן הסכם פון דער יידישער קהילה, וואָס דער זכות זאָל איר בייַשטיין אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט.

איך ווינטש איר דאָס אייביקע לעבן, דער ווארשעווער יידישער קהילה. מחמת דאָס האָט זי מיך מזכה געווען מיט דער ציפער פירטויזנט פונפהונדערט אכ־ציק. זי האָט דאָס אָפגעהאקט דעם קאָפּ דעם נאָמען מיינעם און ארויפגעזעצט מיר א נומער. איך גיי ארום מיט אים און לעב, ער איז געוואָרן איך.

איז אפשר כדאי צו דערציילן, ווי אזוי פון אזא ייד, ווי איך, איז אין א רעגנדיקן תשרי־טאָג געוואָרן א נומער.

כ'וועל מיך נישט בארימען: נאָר פונקט, ווי אלע מענטשן, בין איך אויך געגאנגען אויף דער וועלט מיטן קאָפּ און בין געפאלן אויף איר אָן א נאָמען. גאנצע אכט טעג, ווי ס'איז דער יידישער דין, האָב איך געלעבט נישט בלויז אָן א נאָמען, נאָר אויך אָן א נומער. דער מענטש פון יאָר ניינצנהונדערט צוויי און פערציק וועט זיך גאָרנישט וועלן צוגלויבן, אז כאָטש כ'האָב קיין נומער נישט פארמאָגט, האָט מיין כשרע מאמע גאָרנישט קיין מורא געהאט צו האלטן מיך בייַ זיך און צו געבן מיר די ווארעמע מילך פון איר שיינער ברוסט. זי האָט נישט קיין מורא געהאט צו ווארעמען מיך מיט איר יונג לייב, צו צערטלען מיך, צו ציטערן איבער מיר, ווי נאָר א מאמע און א יידישע דערצו קאָן ציטערן איבער איר ניי־געבוירענעם קדיש.

מיט אכט טעג שפעטער, ווי עס פירט זיך בייַ יידן, האָט מען געמאַכט איבער מיר א ברכה און געזאָגט — וקרא בשמו בישראל — אזוי און אזוי.

א נאָמען בייַ א מענטש איז אזוי ווי א לעבעדיק אבר, האָט בלוט און האָט פלייש. מען פילט אים נישט, מען זעט אים נישט, אָבער אָן אים קאָן מען נישט לעבן. איך האָב אים טאקע געטראָגן דעם נאָמען מיינעם, ווי א שיינע פרוי טראָגט נאָך א שענערע שנור פערל. ער איז געווען מיין, אינגאנצן מיין. האָב איך דאָך אים געירשנט פון זיידעס און פון עלטער־זיידעס. האָב איך דאָך אים אריינגעזויגן אין זיך צוזאמען מיטן בלוט פון מיין מאמען, צוזאמען מיט דעם מידן שוויס, וואָס איז געגאנגען פון מיין אָנגעהאָרעוועטן טאטן.

אין איין שטוב מיט מיר האָט געלעבט דער נאָמען מיינער. אונטער איין דאך, אויף איין געלעגער. ער איז געווען איך, און איך בין געווען ער. ער האָט זיך געלערנט גיין צוגלייך מיט מיר, געלערנט זיך רעדן, אזוי ווי איך. אז מען האָט מיך גערופן, האָט ער אויפגעשטעלט ביידע אויערן. אז איך האָב געליטן, האָט ער מיטגעליטן. ער האָט זיך געפרייט מיט מיין פרייד, געוויינט מיט מיינע טרערן, געלאכט מיט מיין געלעכטער און געחלומט מיט מיינע חלומות.

אָבער זאָל מען נישט מיינען, אז דער נאָמען מיינער איז מיר געווען א קנעכט, אז ער האָט נישט געהאט קיין אייגענע דעה און קיין אייגענעם ווילן. פארקערט, אז איך בין אמאָל אריינגעפאלן אין עצבות, און ס'איז מיר געקומען א רעיון אין קאָפּ ארייַן וועגן יענער וועלט, האָט ער געבעטן אויף זיך די וועלט. און פונקט ווי מיין מאמע האָט זיך געוונטשן, איך זאָל זי איבערלעבן, אזוי האָט אויך דער נאָמען מיינער געוואָלט מיך איבערלעבן.

כ'ווייס נישט און כ'וואָלט אויך נישט געקאָנט שווערן, אז דאָס לעבן מיינס איז געווען רייך מיט מעשים־טובים; כ'ווייס אויך נישט, צי איך האָב פארמאָגט אין מיר גוטע מידות; כ'ווייס בלויז, אז ווען ס'איז מיך באפאלן אמאָל א בייזע מינוט (מען איז דאָך נישט מער ווי א מענטש) און איך האָב געוואָלט אן עולה טאָן סיי מיר, סיי מיין שכן, סיי מיין שונא — האָט זיך דער נאָמען מיינער אוועק־געשטעלט און מיטן הארבן וואָרט געוואָרנט, איך זאָל דאָס נישט טאָן.

# 76 4580

## YEHOSHUE PERLE

A round number. At first glance it looks silly and seems to have no specific meaning. A detached number such as this can be likened to those gray people who go through life alone and die without confession.

But if an arithmetician or a stargazer were to take a good look at this number, he might arrive at some ingenious conjecture, or discover some esoteric numerological computation, from which fools would later infer either the Apocalypse or the Coming of the Messiah.

Sober minds, if they consider it, will probably take it to be the Identity Number of a policeman, a railroad porter, a prisoner or—pardon the proximity—a dog, or the devil knows what else. But that this foolish number should be a substitute for the name of a living person, who was never a policeman, a railroad porter, a prisoner or even a dog—that will be difficult to believe.

People will also not believe that great suffering and pain cry out from the number, and so does the disaster of the people from whom it is my lot to be descended.

And yet the impossible has become possible. It happened in the year 1942, in the month of Tishre, in the land of Poland, in the city of Warsaw. Under the savage rule of Amalek—may his name and memory be blotted out; with the consent of the Jewish *kehillah*—may its good deeds stand it in good stead in this world and in the next.

May it merit eternal life, the Warsaw Jewish *kehillah*. For it was the *kehillah* that favored me with the number: *four thousand five hundred and eighty.* 1) It was the *kehillah* that cut off my head—my name—and set a number in its place. I go around with it and live; it has become "me."

It may be worth recounting how I, a Jew, on a rainy day in Tishre, turned into a number. I won't brag. Like everyone else I entered the world headfirst and fell into it without a name. For eight whole days, in accordance with Jewish law, I lived not only without a name, but also without a number. Someone living in the year 1942 won't want to believe that, although I possessed no number, my dear mother was not afraid to hold me nor to give me warm milk from her beautiful breast. She was not afraid to warm me with her young body, to caress me, to worry over me, as a mother—and Jewish into the bargain—can worry over her firstborn son, the one who will recite the *Kaddish*.

Eight days later, as is the custom among Jews, they made a blessing over me and said: "May his name in Israel be, etc."

A person's name is like a living organism; it has flesh and blood. You can't feel it or see it, but you can't live without it. I wore it, this name of mine, as a lovely woman wears a still lovelier string of pearls. It was mine, entirely mine. I had, after all, inherited it from my grandfathers and great-grandfathers. I absorbed it, together with my mother's blood, together with the sweat of my overworked father.

My name lived in the same house with me. Under the same roof, in the same bed. It was I, and I was it. It learned to walk with me, learned to speak, just as I did. If I was called, it pricked up both ears. If I suffered, it suffered too. It rejoiced with my joy, wept with my tears, laughed with my laughter and dreamed with my dreams.

But don't think that my name was a slave to me, that it didn't have a say and a will of its own. On the contrary, when I fell into a melancholy mood and started thinking about the world to come, my name asked to have *this* world. And just as my mother wished that I should survive her, so my name wanted to survive me.

I don't know and wouldn't swear that my life was rich with good deeds; I also don't know whether I was virtuous. I do know that when a wicked moment came upon me (for we are all but human) and I wanted to injure myself, my neighbor and my enemy—my name stood up and sternly warned me not to do it.

1) *Upon arrival in the Warsaw ghetto in 1941, Perle secured a job in the clothing department of the Judenrat run by Shmuel Winter. In 1942, again with Winter's help, Perle was joined to a shop of ersatz honey and candies, which exempted him from immediate deportation.*

